בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

גליון ל"ה

פרשת תולדות שנת תשפ"ד

מוסדות היכל הקודש ברסלב

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף הַייבְּן מִיר אָן אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אַלֶע חָשׁוּבִ'עֶ מְלַמְּדִים און אײַנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסְדוֹת.

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען הַייבְּט אָן נָאךְ אַ יָאר. דָאס יָאר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעפַאנְגֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער יֶעצְט אַז מֶען הַייבְּט אָן אַ פְרִישֶׁע יָאר מִיט דִי קִינְדֶער, הַייבְּט זִיךְ טַאקֶע אָן דִי יָאר!

### אָנְהֵייבּ יָאר זֶענֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט בַּיי זִיךְ

דִי מְלַמְּדִים דַארְפְן וִויסְן אַז אָנְהֵייבּ יָאר זֶענֶען נָאךְ דִי קִינְדֶער גוּט צֶעשָׁאקְלְט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאכְנִישְׁט דָא, הַיי יָאר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי יָמִים טוֹבִים אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אִינְמִיטְן דִי וָואךְ, עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן קַיין טֶעג פַאר יוֹם טוֹב און נָאךְ יוֹם טוֹב צוּ זַיין אִין חֵדֶר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט זֶעקְס וָואכְן קַיין גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר הַיּוֹם, בִּפְרַט בַּיי אוּנְז אִין בְּרֶסְלֶב וָואס דָאס פָארְן קַיין אוּמַאן הָאט גֶענוּמֶען נָאנְט צוּ צְוֵויי וָואכְן, זֶענֶען דִי קִינְדֶער נָאכְמֶער אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט און נִישְׁט רוּאִיג.

אִיךְ זֶע עֶס אוֹיךְ בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים, מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ הִיבְּשׁ נִישְׁט פַּאלְגֶענְדִיג. מַיין וַוייבּ פְרֶעגְט מִיר וָואס אִיז גֶעשֶׁען אַז דִי קִינְדֶער פַאלְגְן מִיךְ נִישְׁט? זָאג אִיךְ אִיר, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִיר, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן גַאנְץ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס הַייבְּט זִיךְ יֶעצְט אָן דִי יָאר, עֶס קוּמְט שַׁיינֶע לַאנְגֶע וָואכְן וָואס מֶען גֵייט קֶענֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַסַאךְ תּוֹרָה, אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם, אַסַאךְ אֱמוּנָה און אַסַאךְ גוּטֶע מִידוֹת.

### וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי מוֹסְדוֹת?

מֶען דַארְף נָאר אִיבֶּער חַזֶר'ן וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי חֵדֶר און סְקוּל; וָואס אִיז אוּנְזֶער צִיל מִיטְ'ן זַיין אײַנְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי מוֹסְדוֹת, מִיר ווִילְן אֵיין זַאךְ: אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה.

כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ קִינְדֶער און דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְהֶערְן, מוּז זַיין דִיסְצִיפְּלִין, עֶס מוּז זַיין אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ, דִי קִינְדֶער דַארְפְן זִיצְן שְׁטִיל ווֶען דֶער רֶבִּי און לֶערֶערִין רֶעדְט, אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דֶער צִיל, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית, דָאס אִיז נָאר גֶעמַאכְט כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ וָואס מֶען ווִיל, מֶען זָאל קֶענֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי ווֶעלְט, און מֶען דַארְף הִיטְן דִי תּוֹרָה, מֶען דַארְף טוּן דִי מִצְוֹת, און אוֹיבּ מֶען פַּאלְגְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קוּמְט אַ מַבּוּל, אַזוֹי ווִי מֶען לֶערְנְט אִין פַּרְשַׁת נֹחַ.

פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ רֶעדְט מֶען צוּ דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז נַארִישׁ אַז מֶען ווֶענְדְט זִיךְ צוּ גֶעטְשְׁקֶעס. מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט

• וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי מוֹסְדוֹת?

אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן פַאר דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער ווֶעלְט, און יֶעדֶער וָואס דַארְף עֶפֶּעס זָאל זִיךְ נָאר ווֶענְדְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער!

דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן דִי מוֹסְדוֹת, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער ווֶעלְט, וָואס עֶר מַאכְט אַלֶעס און פִירְט אַלֶעס.

מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער; מֶען לֶערְנְט עִבְרִי, חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, און אִין שׁוּלֶע לֶערְנְט מֶען שְׁרַייבְּן און רֶעכֶענֶען, מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז דָאס אַלֶעס אִיז זֵייעֶר פַיין און וואוּיל, אָבֶּער דֶער עִיקָר וָואס מִיר דַארְפְן אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אִיז אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי ווֶעלְט און מֶען דַארְף זִיךְ נָאר צוּ אִים ווֶענְדְן.

### דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה

אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַז אַלֶע מְלַמְּדִים און אַלֶע לֶערֶערִינְס זָאלְן בַּאשְׁטִימֶען פִינְף צֶען מִינוּט וָואס מֶען רֶעדְט פוּן 'מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה'.

קוֹדֶם זָאל דֶער מְלַמֵּד און לֶערֶערִין דֶערְצֵיילְן אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי, נָאכְדֶעם קֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער מִיטְטֵיילְן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

יֶעדֶעס מָאל ווֶען דֶער מְלַמֵּד קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן: "**קִינְדֶער אִיךְ גֵיי עֵנְק דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן**

**תְּפִלָּה!"** אוּן עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט לֶעצְטְנְס פַּאסִירְט מִיט אִים, מִיט דִי פְּרָטִים פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל: **"אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן טוּן דָאס, אוּן דִי בֶּעבִּי הָאט גֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעפִילְט, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"** אוּן מֶען זָאגְט וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעזָאגְט: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר מִיט דִי בֶּעבִּי', 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיינֶע שִׁיךְ', 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ פִּיל זִיךְ נִישְׁט גוּט, אִיךְ הִיס, מַיין אוֹיעֶר טוּט מִיר וֵויי', אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוִויזְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן 'דָא טוּט מִיר וֵויי', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ גֶעהָאלְפְן, דִי בֶּעבִּי הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן מַיינֶע שִׁיךְ, אוּן עֶס אִיז מִיר גֶעוָוארְן בֶּעסֶער, אִיךְ פִּיל שׁוֹין גוּט".**

דָאס זָאלְט אִיר אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער; יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

## רֶעדְן פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם

מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם'.

מֶען קֶען דָאס נִישְׁט לָאזְן אוֹיף אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵיין מָאל אִין אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ טַאטֶע מַאמֶע! מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר טַאטֶע מַאמֶע נֵיין! מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַן אִיקְסְל פַאר טַאטֶע מַאמֶע "אִיךְ וִויל נִישְׁט!" אַ טַאטֶע מַאמֶע טָארְן זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ בֵּייגְן! דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן דוּ זֶעסְט וִוי עֶפֶּעס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן אָדֶער אַרָאפּ גֶעפַאלְן, בֵּייג דוּ זִיךְ אַרָאפּ, הֵייבּ דוּ עֶס אוֹיף, לָאז נִישְׁט אַז דַיין מַאמֶע זָאל זִיךְ אַרָאפּ בֵּייגְן!

בִּפְרַט אִין קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען דָאס אַסַאךְ אַרַיין לֵייגְן.

עֶס זֶענֶען דָא מוֹסְדוֹת וָואס יֶעדֶער מְלַמֵּד שִׁיקְט אַהֵיים אוֹיף שַׁבָּת אַ דִיקֶע בּוּךְ פוּן כְּלָלִים, שָׁרָשִׁים, מַזָּלוֹת אוּן כּוֹכָבִים, דָאס זֶענֶען שֵׁיינֶע זַאכְן, אָבֶּער פַארְגֶעסְט נִישְׁט פוּן 'פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת', אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטְ'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

## רֶעדְן פוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט אִין כִּתָּה אִיז עֶס אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען. אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַ חַבֶר, עֶר הָאט וֵויי גֶעטוּן אַ חַבֶר, אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיפְמֶערְקְן דֶעם קִינְד, אָדֶער זָאגְט מֶען אִים בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, אָדֶער לֵייגְט מֶען עֶס אַרַיין אִינְמִיטְן דֶעם שִׁיעוּר, בִּשְׁעַת מֶען רֶעדְט בִּכְלָלִיּוּת זָאגְט מֶען אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע.

אִיךְ הָאבּ אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיךְ יֶעדְן טָאג; בָּרוּךְ הַשֵּׁם, יֶעדְן טָאג זַייט אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה שְׁרֵייט מֶען מִיךְ נָאךְ, אַמָאל אִיז עֶס בַּיים אַרוֹיס גֵיין פוּן שְׁטוּבּ, אַמָאל אִיז עֶס אִינְטֶערְוֶועגְנְ'ס, אַמָאל אִיז עֶס בַּיים אַהֵיים קוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה, אוּן אַמָאל אִיז עֶס שְׁפֶּעטֶער אוֹיף דֶער נַאכְט, אוֹיךְ טְשֶׁעפֶּעט מֶען מַיינֶע קִינְדֶער.

דִי וָואךְ שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג בִּין אִיךְ אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער צוּ גֵיין אִין שׁוּל, אוּן אַ מַחֲנֶה קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טְשֶׁעפֶּען מַיינֶע קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אוֹיפְן וֶועג פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: **"אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט עֶנְק, עֶטְץ וֵוייסְט פַארְוָואס? - וַוייל אַזוֹי וֵוייסְט עֶטְץ וָואס מֵיינְט טְשֶׁעפֶּען"**, אִיךְ פְרֶעג זֵיי: **"עֶס טוּט דִיךְ וֵויי וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ?"** זָאגְן זֵיי: **"יָא!"** פְרֶעג אִיךְ זֵיי: **"עֶטְץ גֵייטְס דָאס אַמָאל טוּן פַאר אַנְדֶערֶע?"** זָאגְן זֵיי: **"נֵיין! קֵיינְמָאל נִישְׁט, וַוייל עֶס טוּט וֵויי!"**

עֶס אִיז אֲפִילוּ נַארִישׁ נָאכְצוּזָאגְן וָואס דִי טְשֶׁעפֶּעֶרְייעֶן זֶענֶען, אַ שֵׂכֶלְ'דִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט עֶס טְרַאכְט: 'וָואס הָאסְטוּ דֶען גֶעזָאגְט?' - **"דַיין טַאטֶע..." "נֶעבֶּעךְ בְּרֶסְלֶב..."** מַיינֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע מוֹיל, זֵיי עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט צוּרִיק, זָאג אִיךְ זֵיי: **"אוֹיבּ עֶטְץ גֵייטְס אַמָאל טְרֶעפְן אַ אִינְגְל פוּן אַן אַנְדֶערֶע חֵדֶר, גֵייט עֶטְץ אוֹיךְ זָאגְן 'נֶעבֶּעךְ...' מִיט דִי נָאמֶען פוּן זֵייעֶר חֵדֶר?!** זָאגְן זֵיי: **"נֵיין, וַוייל מִיר וֵוייסְן אַז עֶס טוּט וֵויי!"**

עֶס קֶען זַיין אַז דִי קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט וָואס מֵיינְט וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט, קֵיינֶער הָאט זֵיי נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט. דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אַז מֶען וֶוערְט אַמָאל גֶעטְשֶׁעפֶּעט, מֶען זָאל שְׁפִּירְן וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע.

אַז אַ קִינְד קוּמְט זָאגְן: **"אֵיינֶער הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט פוּן מַיין רִיסֶעס"**, דָאס דַארְף דֶערְמַאנֶען דֶער מְלַמֵּד, דִי לֶערֶערִין, אַז מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל מַאכְן אַ שְׁמוּעֶס פוּן דֶעם, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, דְרֵיי מָאל פוּן דֶעם, מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם, אִיךְ גְלֵייבּ אַז עֶס קֶען זַיין אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן דִי לֶערֶערִינְס הָאבְּן אוֹיךְ גֶע'גַנֶבְ'עֶט פוּן יֶענֶעם וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

## מֶען דַארְף נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג

וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס בַּיי אַ קִינְד, פוּן אֵיין זַייט גֵיי אִיךְ אִים מְחַנֵךְ זַיין אַז עֶר טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז אַ קִינְד, אִיךְ גֵיי אִים נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען פַאר דֶעם.

מֶען דַארְף נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג; מְחַנֵךְ זַיין - אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר אִיז אַ קִינְד. דֶער מִיטְל וֶועג אִיז אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, וֶוער עֶס קֶען עֶס גוּט בַּאלַאנְסִירְן אִינְדֶערְמִיט - אִיז אַ גוּטֶער מְחַנֵךְ.

עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן: **"לָאז אָפּ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז נָאר קִינְדֶער"**, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן: **"אַז עֶר הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט, אָדֶער גֶעעֶפְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס לֶעדְל, דַארְף מֶען אִים הַרְגְ'עֶנֶען!"** - בֵּיידֶע וֶועגְן זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט, עֶס אִיז טַאקֶע אַ קִינְד אָבֶּער מֶען דַארְף אִים מְחַנֵךְ זַיין, אוּן מֶען דַארְף אִים טַאקֶע מְחַנֵךְ זַיין אָבֶּער עֶר אִיז אַ קִינְד, מֶען קֶען אִים נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען. דָאס טַייטְשׁ אַזוֹי, אִיךְ גֵיי אִים נִישְׁט זָאגְן "דוּ בִּיסְט אַ קִינְד אוּן דוּ מֶעגְסְט אַלֶעס טוּן", אָבֶּער אִין מַיין קָאפּ וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז אַ קִינְד אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיךְ גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעעֶפְנְט מַיין רֶבִּינְ'ס לֶעדְל, אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעעֶפְנְט דַיין רֶבִּינְ'ס לֶעדְל בִּיסְטוּ מִן הַסְתָּם גֶעוֶוען אַ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ״ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע״א

## • וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי מוֹסְדוֹת?

נֶעבֶּעךְ... אִיךְ מַיין דִי גֶעלוּנְגֶענֶע קִינְדֶער פְּלֶעגְן עֶפֶּענֶען דֶער רֶבִּינְ׳ס לֶעדְל, דִי גֶעלוּנְגֶענֶע קִינְדֶער פְּלֶעגְן וִויסְן וואוּ דִי קֶענְדִי׳ס לִיגְן אוּן מֶען הָאט גֶענוּמֶען...

אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶענוּמֶען פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס לֶעדְל אִיז עֶר נִישְׁט קַיין ׳גַנָב׳, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין ׳רוֹיבֶּער׳, עַל פִּי תּוֹרָה טוּט מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד בִּיז דִי דְרַייצְן יָאר, אוּן אַ מֵיידְל בִּיז דִי צְוֶועלְף יָאר, מֶען אִיז פָּטוּר צוּ בַּאצָאלְן; אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ זַיין מְחַנֵךְ, אִיךְ גֵיי רֶעדְן פוּן דֶעם, אִיךְ גֵיי זַיי דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ גִלְגוּל, אַ נְשָׁמָה אִיז בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל עֶר הָאט גֶע׳גַנֶבְ׳עֶט, וֶוען אַ קִינְד הֶערְט דָאס מַאכְט עֶר אָפּ: ׳אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט גַנְבְ׳עֶנֶען!׳ נָאכְדֶעם הֵייבְּט עֶר זִיךְ אָן צוּ פַּיינִיגְן מִיט מַחֲשָׁבוֹת: ׳אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין סֵיי וִוי גֶע׳גַנְבֶ׳ט, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ שׁוֹין סֵיי וִוי דַארְפְן מְגֻלְגָל וֶוערְן׳, דַארְף מֶען זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֲלָכוֹת אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען קֶען בַּאצָאלְן, אוּן אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וֶועם עֶר הָאט גֶע׳גַנֶבְ׳עֶט, זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה פַאר זַאכְן וָואס מֶען טוּט מִיט דֶעם ׳צָרְכֵי רַבִּים׳, מִיט דֶעם בַּאצָאלְט דֶעם חוֹב[1].

**הֶמְשֵׁךְ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

# בְּרִיְוןֹ פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## רֶעד צוּם קִינְד פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן פֵּאוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר וְכוּ׳; וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי קִינְדֶער אַז זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט אַ שֶׁערְל אוּן שְׁנַיידְן אַרָאפּ אַבִּיסְל פֵּאוֹת, אוּן אַז דֶער מְלַמֵד הָאט אִים שׁוֹין גֶעגֶעבְּן אַפָּאר פֶּעטְשְׁלֶעךְ - זָאלְסְטוּ נוּצְן דִי גֶעוֶוער, דִי מוֹיל; רֶעד צוּ אִים פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן פֵּאוֹת, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי פֵּאוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּאוֹת - שְׁנַיידְט מֶען אָפּ דִי שֵׂכֶל.

חִינוּךְ הַיְלָדִים אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ; מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן תְּפִלָּה - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁנַיידְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לָאזְן אַפָּאר טְרֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער; זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִיקִים.

מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער״; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת ויגש תשפ״ג, קונטרס 282)

## שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?״ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״צוּמָאל בִּין אִיךְ פְרוּם״; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״נֵיין, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ״.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): ״צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת״, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, ״כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד״, וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, ״וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבָּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה׳״, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי פוּן אֱמוּנָה, שְׁמוּעֶס מִיט דַיינֶע קִינְדֶער פוּן צַדִיקִים. אוֹיפְן וֶועג צוּם שׁוּל אוּן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים - אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן צַדִיקִים, אוֹיךְ בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים לז:) שַׁבָּת זָאל מֶען נִישְׁט שִׁיקְן דִי קִינְדֶער צוּם מְלַמֵד לֶערְנֶען נֵייעֶ לִימוּדִים וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט: ״מִשּׁוּם דְּיִפְנוּ אֲבָהַתְהוֹן דְּיָנוּקֵי לְמִצְוָתָא דְּשַׁבְּתָא״, וִוי דֶער רַ״ן אִיז מַסְבִּיר: ״שֶׁאֲבוֹת הַתִּינוֹקוֹת פּוֹנִין לְמִצְוַת שַׁבָּת, וּמִשְׁתַּעְשְׁעִין עִם הַתִּינוֹקוֹת, וְאִם יִקְרְאוּ הַתִּינוֹקוֹת לְכַתְּחִלָּה, יָחוּשׁוּ לְבִטּוּלָם״, וַוייל שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן הָאבְּן אַן עֹנֶג שַׁבָּת מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען נֵייעֶ גְמָרוֹת, נֵייעֶ הֲלָכוֹת - וֶועט זִיךְ עֶס פַארְצִיעֶן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין עֹנֶג שַׁבָּת מִיט דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס עֶלְטֶערְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

(עצתו אמונה פרשת ויחי תשפ״ג, קונטרס 283)

## זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי ״אֲנִי מַאֲמִין״ מִיט טַייטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ׳

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ בַּאקוּמֶען פוּן דִיר יֶעדְן טָאג אַ בַּארִיכְט.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט מִיר זָאגְן: ״אַז מֶען קְרִיגְט אוֹיף דִיר וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט

גוּט, וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אוֹיף דִיר – וָואלְט אִיךְ חוֹשֵׁשׁ גֶעוֶוען אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט גוּט מִיט דִיר".

דוּ גֵיי אָן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה. דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ רֶעקָארְדִירוּנְג וְוִי דוּ זִינְגְסְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי "אֲנִי מַאֲמִין" מִיט טַייטְשׁ; דוּ זָאגְסְט פָאר דִי לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִין דִי קִינְדֶער עֶנְטְפֶערְן אִין אִידִישׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען; הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע מְלַמְּדִים דָאס טוּן.

אִיךְ שִׁיק דִיר דִי אֲנִי מַאֲמִין'ס מִיט טַייטְשׁ, אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטַייטְשְׁט לוֹיט וְוִי דִי אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ גֵייט אִין אַמֶערִיקֶע; אַז בַּיי עֶנְק גֵייט אַנְדֶערְשׁ דִי שְׁפְּרַאךְ – זָאלְסְטוּ דָאס זִינְגֶען מִיט זֵיי לוֹיט וְוִי מֶען רֶעדְט בַּיי עֶנְק.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דֶער קִינְד ... הוֹיבְּט אָן בֶּעסֶער רֶעדְן אִידִישׁ. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ סַבְלָנוּת – וֶועסְטוּ זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

דָא הָאסְטוּ דִי אֲנִי מַאֲמִין'ס:

1) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא בּוֹרֵא עֶר בַּאשַׁאפְט, וּמַנְהִיג אוּן פִירְט, לְכָל הַבְּרוּאִים אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן. וְהוּא לְבַדּוֹ אוּן עֶר אַלֵיין, עָשָׂה הָאט גֶעטוּן, וְעוֹשֶׂה אוּן טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, וְיַעֲשֶׂה אוּן וֶועט וַוייטֶער אַלֶעס טוּן, לְכָל הַמַּעֲשִׂים אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט.

2) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא יָחִיד עֶר אִיז אֵיינֶער, וְאֵין יְחִידוּת אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל זַיין אֵיינְס, כָּמוֹהוּ, בְּשׁוּם פָּנִים אַזוֹי וְוִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז אֵיינְס. וְהוּא לְבַדּוֹ אוּן עֶר אַלֵיינְס, אֱלֹהֵינוּ אִיז אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָיָה עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען, הֹוֶה עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, וְיִהְיֶה אוּן וֶועט אֵייבִּיג זַיין.

3) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵינוֹ גוּף אִיז נִישְׁט קַיין קֶערְפֶּער, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט אַ קֶערְפֶּער, וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט צוּגְלַייכְן צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ.

4) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוּא רִאשׁוֹן עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער, וְהוּא אַחֲרוֹן אוּן עֶר וֶועט זַיין דֶער לֶעצְטֶער.

5) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, לוֹ לְבַדּוֹ נָאר צוּ אִים אַלֵיין, רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל דַארְף מֶען בֶּעטְן, וְאֵין רָאוּי אוּן עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד, לְהִתְפַּלֵּל צוּ בֶּעטְן, לְזוּלָתוֹ פוּן קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ.

6) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁכָּל דִּבְרֵי נְבִיאִים אֱמֶת אַז אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי נְבִיאִים זֶענֶען אֱמֶת'דִיג.

7) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁנְּבוּאַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אַז דִי נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָיְתָה אֲמִתִּית אִיז אֱמֶת'דִיג, וְשֶׁהוּא הָיָה אָב לַנְּבִיאִים אוּן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דִי טַאטֶע פוּן אַלֶע נְבִיאִים, לַקּוֹדְמִים לְפָנָיו דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר אִים, וְלַבָּאִים אַחֲרָיו אוּן פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ אִים.

8) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁכָּל הַתּוֹרָה אַז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט, הִיא הַנְּתוּנָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן, לְמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

9) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁזֹּאת הַתּוֹרָה אַז דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן, לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת וֶועט נִישְׁט פַארְטוּישְׁט וֶוערְן, וְלֹא תְהֵא אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין, תּוֹרָה אַחֶרֶת קַיין אַנְדֶערֶע תּוֹרָה, מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

10) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, יוֹדֵעַ כָּל מַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן, וְכָל מַחְשְׁבוֹתָם אוּן אַלֶעס וָואס מִיר טְרַאכְטְן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן, שֶׁנֶּאֱמַר אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לג, טו): 'הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַלֶע הֶערְצֶער, 'הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם' אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט.

11) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גּוֹמֵל טוֹב בַּאצָאלְט שָׂכָר, לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו פַאר דִי וָואס טוּעֶן דִי מִצְוֹת, וּמַעֲנִישׁ אוּן עֶר בַּאשְׁטְרָאפְט, לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו דִי וָואס פָאלְגְן נִישְׁט זַיינֶע מִצְוֹת.

12) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ אוּן אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם מִיט דֶעם וָוארְט אִיךְ יֶעדְן טָאג, שֶׁיָּבוֹא אַז עֶר זָאל קוּמֶען.

13) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁתִּהְיֶה תְּחִיַּת הַמֵּתִים עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, בְּעֵת שֶׁיַּעֲלֶה רָצוֹן מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דָאס טוּן, וְיִתְעַלֶּה זִכְרוֹ לָעַד וּלְנֵצַח נְצָחִים אוּן עֶס וֶועט דֶערְהוֹיבְּן וֶוערְן זַיין נָאמֶען פַאר אֵייבִּיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת ויגש תשפ"ג, קונטרס 282)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876